בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

**Visit our new website: www.breslevcenter.com**

**לשמוע השיעורים 212-444-9191**

Find our entire book selection at:
**AMAZON.COM**
To donate and/or sponsor one of our books please call:
**845-248-1651**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת חיי שרה, ט״ז מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם הייליגן באשעפער - שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה - אז מיר האבן זוכה געווען פאריגע וואך דאנערשטאג נאכט צו פראווען א חתונה אין ישיבה, אזוי שיין, אזוי בא׳טעמ׳ט, אזוי אידיש - ממש א חלום.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט שטענדיג גערעדט און געשריבן פון דעם, אז א חתונה טאר נישט קאסטן קיין געלט; מען זאל נישט אויסגעבן קיין געלט פאר די פאר שעה פון די חתונה נאכט. ברוך השם אז מיר האבן דאס געקענט איינפירן, מיר האבן שוין געהאט צוויי חתונות דא אין ישיבה, דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין שמחות יעדע נאכט אין ישיבה.

די חתונה איז געווען גענצליך בחנם; די מחותנים זענען געקומען צו דער חתונה ווי ריכטיגע ׳מחותנים׳, עס האט זיי גארנישט געקאסט. הלואי זאלן אלע תלמידי היכל הקודש מאכן זייערע שמחות אויף דעם אופן - פשוט און איידל, אזוי ווי א אידישע שמחה דארף צו זיין.

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון רבי׳ן, מיר לעבן מיטן הייליגן רבינ׳ס עצות, וואס דער רבי האט געזאגט דערויף (חיי מוהר״ן, סימן שיד): ״הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד״, דעם קלענסטער פון מיינע מענטשן פיר איך אויפן וועג פון גרויסע צדיקים; נאך האט דער רבי געזאגט (שם, סימן שלב): ״אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים״, איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן; פרעג איך דיר, דארפן מיר נישט זיין פריילך? איז נישט אשרינו טויזנט מאל?!

מאך זיך א שיעור אין הייליגן רבינ׳ס ספרים; ווען מען לערענט דעם רבינ׳ס ספרים באקומט מען א מורא׳דיגע בענקעניש צום אייבערשטן, מען שפירט זיך נאנט צו אים, און מען לעבט ווי אן ערליכער איד, אזוי ווי דער רבי זאגט (חיי מוהר״ן, סימן שמט): ״יְכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מען קען ווערן א גרויסער בעל תשובה אז מען לערנט זיין ספר, ״וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ״, נאך האט דער רבי געזאגט: ״ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת,

וועט זיך אים עפענען אלע דיינע פארשטאפטע אדערן"; דערפאר בעט איך דיר, מאך זיך א שיעור אין רבינ'ס ספרים, וועסטו ווערן אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת חיי שרה, ט"ז מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו האסט פארשטאנען וואס איך האב גערעדט מיט דיר; איך האב געטראכט איך זאל דיר אראפ שרייבן אלע נקודות וואס מיר האבן גערעדט אז דאס זאל זיין בכתב - סיי פאר דיר אז דו זאלסט דאס קענען איבער חזר'ן, אזוי אויך פאר אנדערע אינגעלייט וואס ווילן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין שטוב.

א אינגערמאן דארף העלפן אין שטוב אז זיין ווייב זאל נישט דארפן טון שווערע ארבעט; היינט קען מען זייער גרינג העלפן אין שטוב דורכדעם וואס פאר א פאר דאללער קען מען ברענגען א פרוי וואס רייניגט, זיי נעמען בערך צען דאללער א שעה, מען ברענגט זיי לויט וויפיל עס פעלט זיך אויס אז די שטוב זאל זיין צוזאמגענומען.

ווען עס קומט צו נעמען א פרוי וואס רייניגט טאר מען נישט קוקן אויף קיין געלט, ווייל דאס איז ווערד אלע געלטער פון דער וועלט; א מאמע פון קינדער דארף האבן כח צו די קינדער, זי טאר נישט טון די שווערע ארבעט. דערפאר אז דיין ווייב זאגט אז זי קומט נישט אן מיט די ארבעט וכו', בעט איך דיר דו זאלסט נעמען א פרוי וואס רייניגט, אפילו א פאר מאל א וואך, אז דיין ווייב זאל זיך קענען אפרוען, זי זאל זיין אויסגערוהט זיך צו קענען אפגעבן מיט די קינדער.

זאג פאר דיין ווייב אז פרויען זענען פטור פון דאווענען ווייל זיי זענען פארנומען מיט די שטוב ווירטשאפט; א פרוי וואס האט נאך נישט קיין קינדער אדער זי האט שוין חתונה געמאכט די קינדער און זי האט צייט צו דאווענען, דארף זי דאווענען, אזוי אויך א פרוי וואס קומט אן מיט איר סדר היום, און עס בלייבט איר איבער צייט - קען זי דאווענען, אבער א מאמע פון קינדער וואס קומט נישט אן צו שלאפן און צו עסן וכו' וכו', איז פטור פון דאווענען.
~~~~~~~~~~

אז א פרוי האט אביסל צייט אינמיטן טאג ווען די קינדער זענען אין חדר און אין סקול, זי האט צייט אדער צו שלאפן אביסל אדער צו זאגן דעם "יום תהילים", זאל זי ענדערש זיך אראפ לייגן שלאפן, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", א מענטש דארף קודם אכטונג געבן אז זיין גוף זאל זיין רואיג און נישט איבערשטערנגעגן, נאכדעם זאל ער אכטונג געבן אויף זיין נפש; עס איז זייער וויכטיג צו שלאפן גענוג און זיין אויסגערוהט, ווייל שלאפן מאכט רואיג א מענטש, נאכמער זאגט דער רבי (שיחות הר"ן, סימן קי): ""וּבְיוֹתֵר מוֹעִיל הַשֵּׁנָה לָאֱמוּנָה", ווען א מענטש שלאפט ווערט געשטארקט זיין אמונה.

זאג דיין ווייב אז בשעת זי איז באשעפטיגט מיט די שטוב ארבעט זאל זי רעדן צום אייבערשטן - ווען זי וואשט די געשיר, זי לייגט צוזאם די וועש וכו', זאל זי רעדן צום אייבערשטן - דאס איז איר דאווענען, און דאס איז איר יום תהילים.

מען האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "ווען משיח וועט קומען וועט מען מבטל זיין אלע ווייבער שולן", האט דער רבי געזאגט: "עס איז נישט אמת, עס קען נישט זיין אז דער בעל שם טוב האט דאס געזאגט, פונקט פארקערט! משיח וועט קומען בזכות די תפילות פון אידישע פרויען וואס זיי דאווענען און בעטן אז משיח זאל קומען". זעט מען פון דעם אז דער רבי האט זייער שטארק געהאלטן פון תפילות פון פרויען.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג דערמאנען ביי די דרשות וואס ער פלעגט זאגן פאר די פרויען דעם מאמר חז"ל (קידושין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", א מאס פון צען קב 'שמועסן' איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, ניין קב האבן גענומען די פרויען, און איין קב איז צעטיילט געווארן פאר די גאנצע וועלט; סתם מענטשן ניצן דעם חז"ל אראפ צו קלאפן פרויען און צו אפשעפעטן פון זיי, אז פרויען רעדן אסאך וכו', אבער מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר די פרויען: "פון דעם חז"ל זעט מען אז א פרוי קען מער רעדן ווי א מאן, זאל א פרוי ניצן איר מאס רייד צו רעדן צום אייבערשטן".

דאס וואס דיין ווייב זאגט אז זי קען נישט איינשלאפן ביינאכט פון פחדים; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, חלק ב', סימן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", ווער עס קען נישט איינשלאפן זאל טראכטן פון תחיית המתים; לכאורה, וואס העלפט תחיית המתים פאר איינעם וואס קען נישט איינשלאפן? נאר געווענליך ווען מען וויל איינשלאפן, הייבט מען אן טראכטן אלע

שרעקעדיגע זאכן, עס הייבן אן קומען דמיונות 'וואס וועט זיין?' 'אפשר גיי איך שטארבן וכו' וכו'?' אויף דעם זאגט דער רבי, טראכט פון תחיית המתים, דאס הייסט, ביים סוף וועט זיין גוט, אפילו מען גייט שטארבן, גייט מען אויפשטיין תחיית המתים; דאס זאלסטו גוט וויסן, אז מען לעבט מיט אמונה איז מען רואיג, מען ווייסט אז עס קען גארנישט פאסירן פארן מענטש אן דעם אייבערשטן.

באמת אז מען קוקט גוט זעט מען אז אלע שלעכטע מחשבות קומען נאר ביינאכט, אזוי ווי דער רבי פארציילט אין די מעשה פון דעם בן מלך ובן השפחה שנתחלפו (ספורי מעשיות, מעשה יא): "ווען עס איז געווארן טאג האבן זיי געהערט א גרויס געלעכטער, האבן זיי געפרעגט דעם מענטש פון וואלד "וואס איז דאס געלעכטער?" האט ער געזאגט, דער טאג לאכט אויס דער נאכט, ווייל דער נאכט פרעגט דעם טאג פארוואס אז דו קומסט האב איך קיין נאמען נישט, הייבט דער טאג אן צו לאכן און עס ווערט טאג"; דאס זעט מען ממש בחוש, ביינאכט הערט מען ברומען פון די חיות רעות, ביינאכט קומען אן אלע שלעכטע מחשבות, מען טראכט 'וואס וועט זיין'; 'אפשר גיי איך שטארבן'; 'אפשר גייט זיין א פייער'; 'אפשר גייט א גנב קומען'; דאס זענען די ברומען פון די חיות, מען טראכט נעגעטיווע מחשבות. ווען מען שטייט אויף אינדערפרי פאלט אלעס אוועק, עס איז נישט דא קיין פחדים, עס איז נישט דא קיין "וואס וועט זיין" - דאס איז דער געלעכטער וואס דער טאג לאכט אויס דעם נאכט, און דאס חזר'ט זיך איבער יעדע נאכט נאכאמאל און נאכאמאל.

זאג פאר דיין ווייב זי זאל זאגן יעדן טאג קאפיטל כ"ט אין תהלים; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות קליפה, סימן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אז מען זאגט דעם קאפיטל, נעמט מען אוועק דעם רוח רעה וואס כאפט זיך אריין אינעם מענטש; איך האב געטראכט אז מען קען זאגן פשט, וואס האט די זיבן קולות צו מכניע זיין א רוח רעה? נאר מען חזר'ט צו זיך אז אלעס איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער קען יעדן איינעם העלפן; איינער האט א פחד פון וואסער - זאגט מען אים 'קוֹל ה' עַל הַמָּיִם', דער אייבערשטער העלפט א מענטש אין וואסער, איינער האט א שרעק אז א בעל כח גייט אים עפעס שלעכטס טון, אדער איינער דמיונ'ט אז ער האט נישט גענוג כח - זאגט מען אים 'קוֹל ה' בַּכֹּחַ', דער אייבערשטער געבט כח; איינער האט מורא פון פייער - זאגט מען אים "קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ", דער אייבערשטער איז דער וואס מאכט די פייער, ער וועט דיר ראטעווען פון פייער - אריין צו ברענגען אינעם מענטש אז גארנישט קען נישט פאסירן מיט אים, און נאר דער אייבערשטער וועט אים העלפן.

איך האב געזאגט פאר דיין ווייב אז איך וועל איר שרייבן א קורצע תפילה וואס זי זאל זאגן יעדן טאג, וועט זי ווערן רואיגער און פרייליכער. איך שרייב איר דא א קליינע תפילה, זאלסט איר עס געבן, אבער דער עיקר זאל זי אויסרעדן איר הארץ אליין צום אייבערשטן, זי זאל פארציילן פונקטליך פארן אייבערשטן וואס עס שטערט איר, און וואס עס באדערט איר, וועט איר דער אייבערשטער העלפן זי וועט ווערן צוריק רואיג און פרייליך אזוי ווי אמאל.

שטארק דיך און שטארק דיין ווייב; איר דארפט טאנצן פאר שמחה אז איר האט א שיינע לעבן און געזונטע קינדער. דא האסטו די תפילה:

רבונו של עולם, איך דאנק דיר פאר מיין שיינע לעבן וואס דו האסט מיר געגעבן, פאר מיין טייערע מאן וואס איז אזוי ערליך און אזוי גוט צו מיר; איך דאנק דיר פאר מיינע טייערע קינדער וואס דו האסט מיר געגעבן, איך דאנק דיר אייבערשטער אז זיי זענען געזונט און אזוי זיס און לעכטיג. איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו געבסט מיר, אז איך בין געזונט און מיין מאן איז געזונט. יישר כח אייבערשטער אז אונז האבן פרנסה און מיר מוטשען זיך נישט, מיר האבן א רחוות׳דיגע דירה.

רבונו של עולם, איך בעט דיר זייער, העלף מיר איך זאל נישט האבן קיין פחדים און שרעק. איך בין אזוי דערשראקן לעצטנס, אז איך שפיר ווי איך האלט עס נישט אויס מער, הייליגע באשעפער זע מיין צער, קוק מיינע טרערן, העלף מיר איך זאל זיין פרייליך, איך זאל גלייבן אז קיינער קען מיר גארנישט טון, איך זאל שטענדיג געדענקען אז דו פירסט דער וועלט מיט א פונקטליכע חשבון און אלעס איז פאר מיין טובה.

הייליגער באשעפער, איך האב נישט צו וועם צו גיין, קיינער קען מיר נישט פארשטיין; איך בין אזוי אליין, איך קען נישט פארציילן פאר מענטשן וואס איך טראכט. מיינע פחדים מיט מיינע שרעקעדיגע מחשבות, וואס קומען מיר כסדר אריין אין מח - זיי לויפן מיר נאך א גאנצע טאג, אבער דו ווייסט דאך אלעס, און דו מאכסט דאך אלעס, און דו קענסט יעדן איינעם העלפן, בעט איך דיר טאטע זיסער, העלף מיר איך זאל זיין געזונט און שטארק, איך זאל זיין א געזונטע מאמע און א געזונטע ווייב פאר מיין מאן.

אייבערשטער, ווען איך רעד צו דיר שפיר איך אזוי גוט, אבער נאכדעם פאל איך צוריק, און פלוצלינג כאפט מיר א פחד אז איך קען מיך נישט קאנטראלירן, ווען עס קומט ביינאכט קען איך נישט איינשלאפן פון אלע נעגעטיווע מחשבות וואס לויפן

**אין מיין מח; העלף מיר, העלף מיר, איך גלייב און דיר, איך גלייב נאר אין דיר, העלף מיר בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיינעט וועגן, בזכות זייער תורה, זייער תפילה און זייער ערליכקייט. בזכות אברהם אבינו, בזכות יצחק אבינו, בזכות יעקב אבינו, בזכות משה רבינו, בזכות אהרן הכהן, בזכות יוסף הצדיק, בזכות דוד המלך, בזכות שלמה המלך, בזכות רבי שמעון בר יוחאי, בזכות רבי יצחק לוריא אשכנזי, בזכות רבי ישראל בעל שם טוב, בזכות רבי נחמן בן פיגא מברסלב, בזכות רבי נתן מברסלב, בזכות רבינו אליעזר שלמה מברסלב, יהי לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך, ה' צורי וגואלי, אמן כן יהי רצון.**

זאג דיין ווייב זי זאל זאגן די תפילה יעדן טאג, אפילו אפאר מאל א טאג, און ווען זי צינדט אן די שבת לעכט זאל זי זאגן די תפילה, זי זאל בעטן ביי די ליכט דעם אייבערשטן אז זי זאל ווערן רואיג וכו'.

איך בין געווען פאריגע וואך ביים ציון פון האדמו"ר מליובאוויטש זכותו יגן עלינו, וואו איך האב מתפלל געווען פאר דיר און פאר דיין ווייב, זי זאל ארויס גיין פון אירע פחדים און צוריק קומען צו אירע כוחות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, י"ז מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט האבן מיר זוכה געווען צו מסיים זיין מסכת סנהדרין; איך האף אז דו האסט דאס אויך מסיים געווען, און דו וועסט מאכן א סיום ביי דיר אין שטוב מיט דיין ווייב און קינדער.

קוק צו וואס מען איז זוכה אז מען פאלגט דעם רבי'ן; אפילו מען איז פאריאגט און פארפלאגט - יעדער מיט זיינע טרדות, דאך איז מען זוכה ארייין צו כאפן יעדן טאג א דף גמרא. דער ס"מ וועט אלעס לאזן דעם מענטש טון, אבי נישט עפענען די הייליגע גמרא, ווייל ער וויל נישט מען זאל מאכן א סיום, וואס דאס איז מרומז אין די ראשי תיבות פון זיין נאמען: סִ'יוּם מַ'סֶכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, ווייל ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער דעם ס"מ, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד
~~~~~~~~~~

בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, תלמוד באטרעפט די זעלבע ווי דער נאמען פון די קליפה וואס מאכט א מענטש זינדיגן אין פגם הברית; לערנען גמרא איז מכניע די קליפה, דערפאר האט דער ס״מ זייער מורא פון א דף גמרא.

מאך א שיינע סיום ביי דיר אין שטוב; יעדעס מאל דו ענדיגסט א מסכת גמרא אדער משניות וכדומה, זאג פאר דיין ווייב אז דו ווילסט מאכן א סיום, זי וועט זיך זייער פרייען, און זי וועט דיר אנגרייטן א שיינע מאלצייט. דאס וועט מאכן אז דו זאלסט ווערן ארויף געקוקט ביי איר, זי וועט דיר מחשיב זיין, אזוי אויך די קינדער וועלן אויפוואקסן מיט א ליבשאפט צו די הייליגע תורה.

קינדער האבן זייער ליב מסיבות, סעודות; זיי האבן ליב צו פארברענגען מיט די עלטערן. יעדעס מאל מען מאכט א סיום איז כדי צו מאכן א שטיקל פארברענג מיט די משפחה (משפחה מיין איך דיין משפחה, נישט דיין טאטעס משפחה און דיין שווערס משפחה וד״ל), מען זיצט מיט די ווייב און קינדער און מען ברענגט א גוטע זאך פאר די קינדער לכבוד דעם סיום, דאס גייט זיי אריין אין קאפ, זיי וועלן דאס שטענדיג געדענקען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת חיי שרה, י״ז מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דו האסט מיר פארציילט אז פאריגע וואך ביי די חתונה וואס איז פארגעקומען אין ישיבה האסטו ארויס געווארפן א איד פון בית המדרש, ווייל ער האט ארומגענומען קינדער און זיי געקושט; דו פרעגסט מיר צי דו האסט גוט געטון אז דו האסט ארויס געווארפן דעם איד פון בית המדרש וכו׳.

איך מוז דיר זאגן אז איך בין זייער אנטוישט פון דיר פארוואס דו האסט יענעם אוועק געלאזט מיט גאנצע גלידער; א מענטש וואס איז קראנק, ער קומט אריין אין שול און קושט קינדער, ער רופט זיי אין א ווינקל צו טון מעשה תועבות מיט זיי, אזא איינעם טאר מען נישט סתם אזוי ארויס שיקן פון בית המדרש, העניק תעניק לו, מען
~~~~~~~~~~~

דארף אים געבן צדה לדרך, אים צעברעכן די הענט און פיס, ווייל די מענטשן זענען זייער קראנק, ווען ער גייט אוועק פון דא גייט ער גלייך צו א צווייטע שול וכו', די מענטשן כאפן יונגע קינדער און מאכן זיי אומגליקליך פאר זייער גאנץ לעבן.

פון די מעשה וואס האט פאסירט קענסטו זען ווי אזוי אונזערע קינדער זענען אנגעגרייט, ער האט נאר ארום גענומען א קינד און דער קינד האט גלייך אנגעפאנגען שרייען אויף אים מניוול; דאס איז ווייל - געלויבט דעם אייבערשטן - סיי די מלמדים סיי די טיטשערס ביי אונז אין מוסד גרייטן אן די קינדער זיי זאלן זיין גרייט אויב חס ושלום איינער קומט זיי מטמא זיין. א צווייטער קינד וואס ווייסט נישט פון וועמען מען דארף זיך היטן, גייט נאך אזא מענטש (משלי ז, כב): "הוֹלֵךְ אַחֲרֶיהָ פִּתְאֹם, כְּשׁוֹר אֶל טָבַח", אזוי ווי אן אקס גייט צו דער שחיטה רחמנא לצלן.

איך דאנק דיר פארן מיר העלפן מיט יעדע פרט אין די ישיבה וכו'; בפרט אז דו האסט מיר געהאלפן ביי די חתונה אז אלעס זאל קלאפן. די מחותנים זענען אזוי דאנקבאר, זיי הערן זיך נישט אויף צו באדאנקען פאר מיר פארן זיי העלפן חתונה מאכן זייער ערשטע קינד אן קיין חובות; די נאכט פון דער חתונה האט זיי גארנישט געקאסט, די ישיבה האט צוגעשטעלט די סעודה.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט טרעפן דיין זיווג בקרוב ממש.

...

~~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חיי שרה, י"ח מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר הייבן היינט אן א נייע מסכת, מסכת מכות; זיי נישט קיין בטלן, כאפ דיך מיט און לערן יעדן טאג דעם דף גמרא.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס א דף גמרא טוט פארן מענטש, עס וועט דיר ארויסרייסן פון אלע שמוץ; מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט אז מען זעט אן אינטערסאנטע זאך, דער ס"מ וועט לאזן דעם מענטש אלעס טון - ביז עס קומט צו עפענען די גמרא. ער קומט מיט טויזענט תירוצים - באלד, שפעטער, מארגן, נעכטן וכו', ווייל גמרא איז פייער פאר אים און דאס פארברענט אים אינגאנצן. ווען א איד לערנט די הייליגע גמרא ווערן פארברענט אלע קליפות, דערפאר ווען ער זעט ווי א
~~~~~~~~~~~~

איד וויל אנהייבן לערנען גמרא, קומט ער מיט טויזנט תירוצים פארוואס נישט צו לערנען.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט נאכזאגן פונעם הייליגן צדיק רבי אורי מסטרעליק זכותו יגן עלינו וואס ער האט געזאגט אויפן מאמר חז"ל (עיין בבא מציעא קז:): "פַּת שַׁחֲרִית מְבַטֶּלֶת כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת"; אז "פת" באטרעפט פונקט ווי "תלמוד", אז מען לערנט צופרי אביסל גמרא איז דאס מבטל אלע קליפות.

טייערער חבר, אחי היקר, אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן לאמיר פאלגן דעם רבי'ן; פארוואס זאלסטו נישט לערנען יעדן טאג אביסל גמרא. אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגער תורה, דו וועסט דאך גארנישט דערלייגן, וועסט נאר מרויח זיין, ווייל די תורה מאכט א מענטש רייך, די תורה מאכט מען זאל זיין פרייליך און צופרידן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חיי שרה, י"ט מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר מחזק זיין אז דו זאלסט יעדן טאג לערנען אפאר פרקים משניות; דער חיד"א זכר צדיק לברכה ברענגט בשם מדרש תלפיות: "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם"; ווען א מענטש קומט ארויף אויבן אין הימל, קומען די מלאכי חבלה און ווילן אים אריין שלעפן אין גיהינום, הייבט דער מענטש אן שרייען צו אלע צדיקים, ער שרייט: "אברהם אבינו ראטעווע מיר", "יצחק אבינו ראטעווע מיר", "יעקב אבינו ראטעוווע מיר", קיינער עטנפערט אים נישט, נאכדעם שרייט ער: "ראובן", "שמעון", "לוי", ביז ער קומט אן צו אשר בן יעקב. אשר פרעגט דעם מענטש צי ער האט געלערנט משניות, אויב ענטפערט ער 'יא', נעמט ער אים אריין אין גן עדן. דער חיד"א טייטש מיט דעם דער פסוק (בראשית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' איז די אותיות 'מִשְׁנָה', אז אשר בן יעקב זעט אז א מענטש האט געלערנט משניות, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וועט ער אים געבן גן עדן; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון משניות.
~~~~~~~~~~

מוהרא"ש פלעגט זיך שטענדיג בארומען, אז ווען מען זעט א אינגערמאן אדער א בחור מיט א משניות, זאגט מען גלייך אויף אים: "דו ביסט א תלמיד היכל הקודש"; דורך לערנען משניות וועלן מיר ארויס גיין פון גלות, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה ז, ג): אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", משיח וועט קומען נאר בזכות וואס מען לערנט משניות, נאך זאגן חז"ל (סנהדרין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה". מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואס פאר א כח משניות האט, און וואס עס טוט פארן מענטש, מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען (תהלים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", וואס דאס איז ראשי תיבות מִשְׁנָה, אז א מענטש זאגט משניות נעמט דאס אים ארויס פון שאול תחתית.

קוק אריין אין שלחן ערוך, אינעם ערשטן סימן הלכות השכמת הבוקר, ברענגט דער באר היטב, וזה לשונו: וְכָתַב הָאֲרִ"י זַ"ל: וְשִׁיעוּר מִשְׁנָיוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה, כִּי "מִשְׁנָה" אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי זאל מען לערנען דער ערשטער שיעור אין משניות, ווייל דורך משניות איז מען זוכה צו א ריינע נשמה.

זיי נישט פאר'דאגה'ט, גיי נישט ארום מיט קשיות אויפן אייבערשטן; מיר ווייסן גארנישט און מיר פארשטייען גארנישט, איין זאך דארפן מיר וויסן, אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און וואס ער טוט איז נאר גוט; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ". אזוי דארף זיין, אזוי קומט עס זאל זיין, און עס איז שיין עס זאל זיין קשיות אויפן אייבערשטן, דער רבי זאגט ווייטער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ". ווייל אויב וואלט מען ווען פארשטאנען יעדע זאך וואס דער אייבישטער טוט, וואלט דאך חס ושלום געווען אונזער שכל אזוי ווי דעם אייבערשטנ'ס פארשטאנד. אבער - האט דער רבי אויסגעפירט - וואויל איז דעם מענטש וואס האט נישט קיין שום קשיות אויפן אייבערשטן, ער גלייבט אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אים איז נאר פאר זיין טובה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת חיי שרה, י״ט מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פאר די ליקוטי מוהר״ן וואס דו האסט מיר געגעבן א מתנה, עס איז א הערליכע דרוק, שיינע גרויסע אותיות; איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט מיר קויפן צוואנציג פון דעם ליקוטי מוהר״ן, דיקא פון דעם דרוק ״מהדורת פארקאש״, איך וועל דיר באצאלן פאר דעם.

איך וויל אז אלע בחורים זאלן האבן שיעורים אין ליקוטי מוהר״ן; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שמט) אז מען קען ווערן א אמת׳ער בעל תשובה דורך לערנען זיין ספר. נאך האט דער רבי געזאגט, אז ווער עס וועט לערנען זיין ספר מיט אן אמת וועט זיך אים עפענען אלע זיינע פארשטאפטע אדערן, ״וְאָמַר, שֶׁכָּל אָדָם צָרִיךְ לְהִשְׁתַּדֵּל לִקְנוֹת הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ. וּמִי שֶׁאֵין לוֹ בַּמֶּה לִקְנוֹת [ימכור כל ספריו שיש לו, ויקנה זה הספר שלו, ומי שאין לו ספרים למכור] יִמְכֹּר כַּר מִתַּחַת ראשׁוֹ וְיִקְנֶה הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, נאך האט דער רבי געזאגט: ״ווער עס האט נישט קיין געלט זאל פארקויפן זיינע ספרים און קויפן מיט די געלט מיינע ספרים, און ווער עס האט נישט קיין ספרים, זאל פארקויפן זיין קישן און דעק און קויפן מיינע ספרים״; ווען מען קוקט אריין אין חיי מוהר״ן איז ארויס גענומען די ווערטער ״ימכור כל ספריו שיש לו ויקנה זה הספר שלו״, ווייל מען האט נישט געוואלט מאכן מחלוקת וכו׳ אז דער רבי הייסט פארקויפן אלע ספרים און קויפן נאר זיינע ספרים. דערפאר האט מען ארויס גענומען די ווערטער און עס געלייגט אין די השמטות (עיין בהשמטות).

געווענליך די אלע וואס דרוקן ליקוטי מוהר״ן, דרוקן דאס מיט קליינטשיגע אותיות, אבער מוהרא״ש האט דאס ארויס געגעבן מיט שיינע גרויסע אותיות, געפענט אלע ראשי תיבות. יעצט האט דאס דיין שווער איבער געדרוקט הערליך שיין, וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט מיר ברענגען צוואנציג פון דעם ליקוטי מוהר״ן, איך וועל דיר באצאלן דערפאר.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳, סימן א): ״עִיקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה״, דער עיקר עצה ווי אזוי מען קען פטור ווערן פונעם יצר הרע איז דורך לערנען תורה, ״וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי״ו״, און די תורה איז אזוי ווי די אויסזען פון די אות ו׳,

ווייל די לוחות איז געווען ברייט זעקס טפחים און לאנג זעקס טפחים, וְהַוָי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל", די אות ו' זעט אויס ווי א שטעקן, "כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָּע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם", די תורה איז צוגעגליכן צו א שטעקן, פונקט אזוי ווי א משוגענער פארשטייט נאר ווען מען שלאגט אים מיט א שטעקן, אזוי אויך דער מענטש וואס זינדיגט, וואס ער איז אויך א משוגענער, פארשטייט אויך נאר ווען מען שלאגט אים מיט די תורה, נאר די תורה וועט אים מאכן אויפהערן זינדיגן.

דערפאר בעט איך דיר זייער, נעם א משניות און הייב אן זאגן פרקים משניות, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט און קוים וואס דו קענסט די עברי, דאך זאג א פרק נאך א פרק, אפילו דו זאגסט עס מיט גרייזן און אן פארשטיין, ווייל דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו) אז דער עיקר איז מען זאל זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט, עיי"ש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חיי שרה, י"ט מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אשריך ואשרי חלקך אז דו האסט די זכיה צו זיין א מלמד פאר קינדער - תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, וואס אויף זייער תורה שטייט דער וועלט. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש איכה, פתיחתא ב): "מָאן אִינוּן נְטוּרֵי קַרְתָּא? אֵלּוּ סוֹפְרִים וּמְשַׁנִּים, שֶׁהֵם הוֹגִים וּמְשַׁנִּים וּמְשַׁמְּרִין אֶת הַתּוֹרָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה", ווער זענען די וואס היטן אפ די שטאט פון שלעכטס? די מלמדים וואס לערנען תורה מיט קינדער, זיי היטן אפ די שטאט פון אלעס שלעכטס.

א מלמד דארף זייער אכטונג געבן וואס ער רעדט און ווי אזוי ער רעדט צו די קינדער; עס זענען דא מלמדים וואס מיינען אז מיט דעם וואס זיי וועלן פארציילן פאר די קינדער זייערע קינדער יארן וועלן די קינדער זיי ארויף קוקן, אבער באמת איז נישט גוט אז א מלמד זאל דערציילן זיינע קינדער יארן, אדער סתם שמועסן מיט די קינדער
~~~~~~~~~~~

זאכן וואס ברענגען נישט ארויס מידות טובות און יראת שמים. דערפאר זאלסטו דערציילן פאר די קינדער נאר מעשיות פון צדיקים, ווי זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן, און זיך געפירט מיט מידות טובות. קינדער זענען נאך ריין און הייליג, און ווען מען דערציילט זיי מעשיות פון צדיקים פלאקערט דאס אויף זייער הארץ, זיי טראכטן: "איך וויל אויך זיין א צדיק".

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אהבה, סימן ז): "כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ", ווען דו וועסט מחזק זיין א מענטש ער זאל זיך שטארקן אין עבודת השם, וועט ער דיר ליב האבן; דאס איז דער וועג צו געווינען קינדער. נארישע מלמדים און טיטשערס מיינען, אז מיט דעם וואס מען וועט געבן פאר קינדער אסאך נאש אדער מתנות, וועט דער קינד ליב האבן דעם רבי'ן אדער טיטשער; עס איז מעגליך אז אויף די מינוט האסטו געכאפט דעם קינד, אבער נאך א שטיק צייט וועט דאס קינד דיר בכלל נישט ארויף קוקן. דער ריכטיגער וועג צו געווינען די קינדער אז זיי זאלן באקומען א שטארקע געפיל צו זייער מלמד אדער טיטשער, איז דורך דעם וואס מען איז זיי מחזק אויף עבודת השם, מען רעדט צו זיי פאזעטיוו: "דו קענסט יא", "דו וועסט עס באווייזן".

די בריוו שרייב איך פאר דיר און פאר אלע דיינע חברים מלמדים, ווייז עס פאר זיי אלע, (אלע בריוו וואס איך שרייב פאר יחידים, שרייב איך פאר אלע מיינע תלמידים), אויך זאלסטו ווייזן דעם בריוו פאר דיין ווייב תחי' וואס איז א טיטשער ביי אונז אין סקול, זי זאל וויסן אז די וועג ווי אזוי מען געווינט די קינדער זיי זאלן ליב האבן סקול איז נישט אז מען געבט נאש יעדן טאג, אדער מתנות וכו', נאר דער וועג צו מצליח זיין מיט קינדער איז דורך רעדן פאזעטיוו. זאג איר אז זי זאל אויך ווייזן דעם בריוו פאר אלע טיטשערס.

אז מען רעדט שוין פון רעדן פאזעטיוו, דארפסטו וויסן, אז ווען מען רעדט פון שכר ועונש צו קינדער, דארף מען רעדן פון ביידע, מען קען נישט רעדן צו קינדער פון יראת הרוממות, נאר קינדער דארף מען מחנך זיין מיט יראת העונש. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ה) "אַשְׁרֵי מִי שֶׁהוֹלֵךְ בִּתְמִימוּת וְיֵשׁ לוֹ יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, כִּי עִקַּר הָעֲבוֹדָה בִּתְחִלָּה הִיא רַק מֵחֲמַת יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, וּבְלִי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ אִי אֶפְשָׁר לְהַתְחִיל כְּלָל בַּעֲבוֹדַת ה'", וואויל איז דעם מענטש וואס דינט דעם אייבערשטן בתמימות, ער האט מורא פון די שטראף וואס דער אייבערשטער געבט אויב מען טוט עבירות, ווייל אויב א מענטש האט נישט קיין יראת העונש קען מען בכלל נישט דינען דעם אייבערשטן (קוק נאך די גאנצע שיחה). דער רבי זאגט אלע צדיקים וואס דינען דעם אייבערשטן מיט יראת

הרוממות אדער מאהבת השם האט זיך דאס קודם אנגעפאנגען מיט יראת העונש, ווייל ווען א מענטש איז נאך בקטנות הדעת פארשטייט ער נאך נישט וואס יראת הרוממות איז, נאר יראת העונש.

דערפאר דארף א מלמד רעדן פשוט פון יראת העונש; איינע פון די י״ג עיקרים איז צו גלייבן אין שכר ועונש: ״אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו, וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו״, דער אייבערשטער געבט שכר פאר ווער עס היט אפ זיינע מצוות, און ער באשטראפט דעם וואס היט נישט אפ זיינע מצוות.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן פז) אז מען קען נישט צוקומען צו אמונה נאר דורך יראת העונש; דערפאר דארף מען אריין לייגן אין די קינדער פון ווען זיי זענען נאך יונג, זיי זאלן מורא האבן פונעם אייבערשטן; פארציילן זיי מעשיות פון צדיקים, מעשיות פון די היילגע חכמים ווי דער אייבערשטער העלפט ווען מען רעדט צו אים, ווי דער אייבערשטער ווארט מען זאל זיך צוריק קערן צו אים, און ווען ער זעט ווי מען וויל אים נישט פאלגן געבט ער א שטראף.

קינדער האבן זייער ליב מעשיות; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רמח): ״דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, וויסן זאלסט אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק ווערט אויף געפלאמט דאס הארץ, מען באקומט א מורא׳דיגע בענקעניש צו ווערן אן ערליכער איד. ווען מען הערט ווי דער צדיק האט זוכה געווען און איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות וויל מען אויך זוכה זיין צו דעם און ווערן א צדיק. בפרט א קינד, ווען ער הערט א מעשה פון א צדיק ווערט ער זייער נתעורר דורך דעם.

דער הייליגער רבי האט דערציילט אז ער האט אנגעפאנגען דינען דעם אייבערשטן ווען ער איז געווען א קליין קינד, ער האט באקומען זיין התעוררות דורך די מעשה וואס ער האט געהערט דערציילן פון די תלמידים פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, דעם גאנצן סיפור ווי אזוי דער בעל שם טוב זי״ע האט גערעדט צום אייבערשטן בלייבנדיג אן עלנדער יתום פון טאטע מאמע, יעדע זאך וואס ער האט געדארפט האט ער געבעטן נאר פונעם אייבערשטן. ווען דער רבי האט געהערט די מעשה איז אריין אין אים א מורא׳דיגע חשק צו ווערן א צדיק, ער האט אנגעפאנגען צו טראכטן: ״געוואלד! איך וויל אויך זיין א צדיק! אפשר אז איך וועל דאס נאכטון,

איך וועל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן וועל איך אויך ווערן א צדיק". גלייך ווען דער רבי האט געהערט דעם סיפור איז ער ארויס פון שטוב און געגאנגען צום ציון פון בעל שם טוב און געוויינט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, איך וויל אויך זיין א צדיק, איך וויל אויך זיין אן ערליכער איד וכו'", ביז ער רבי האט זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

פון דעם אלעם זעט מען אז ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק פלאקערט דאס אים אויף זיין הארץ צום אייבערשטן.

עס איז באוואוסט דער סיפור אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט אמאל געפרעגט די מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיינע קינדער, האט דער מלמד געזאגט: "יא"; האט ער אים געפרעגט: "וואסערע מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", זאגט אים דער הייליגער צאנזער רב: "נישט דאס מיין איך צו פרעגן, איך פרעג צי דו לערנסט 'מוסר', צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע און זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע; ווייל מעשיות פון צדיקים דאס פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

נאך א כלל דארפסטו וויסן, אז א מלמד דארף לעבן מיט די כתה; א מלמד קען נישט זיין מלמד בלויז מיט דעם אז ער לערנט וואס מען דארף לערנען אין חדר, א מלמד דארף וויסן וואס טוט זיך צווישן די קינדער, א מלמד דארף בודק חמץ זיין אויב עס איז דא א קינד וואס טרעט אויף אנדערע קינדער, אפשר האבן אלע קינדער מורא צו קומען אין חדר מיט אזא און אזא העמד אדער הויזן אדער מאנטל ווייל איינער שפעט אפ פון אים. אזוי אויך דארף א מלמד זייער אכטונג געבן אז די קינדער זאלן זיך נישט נעמען איין קינד פאר א קרבן לעזאזל, דאס איז דער עיקר שבעיקרים - אויס לערנען פאר די קינדער מידות טובות.

איך דארף דיר באמת שרייבן יעדן טאג א בריוו, ווייל דו דארפסט אסאך חיזוק, אבער איך קום פשט נישט אן מיט מיין ארבעט; איך בעט דיר זייער, שטארק דיר, זאלסט נישט נאכלאזן קיין איין טאג. שטארק דיין ווייב זי זאל אויפהייבן די מוט פון די מיידלעך, בפרט די צעקלאפטע קינדער וואס באקומען נישט קיין ליבשאפט אין שטוב; די אלע קינדער וואס מען קלאפט שטענדיג אראפ - אין זיי דארף מען אריין בלאזן לופט פון לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר גייען יעצט אריין אין די ווינטער שבתים ווען דער זמן הדלקת הנרות איז שוין זייער פרי, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, מען דארף שוין פון פרייטאג אינדערפרי זיך גרייטן אויף שבת אז מען זאל חס ושלום נישט צוקומען צו חילול שבת.

דער הייליגער רבי פלעגט גיין אין מקוה ערב שבת ביי חצות. זאלסטו זען צו גיין פרי אין מקוה לכבוד שבת; מען דארף זייער אכטונג געבן צו גיין אין מקוה געוונג פרי אז מען זאל נישט צו קומען צו חילול שבת.

גרייט אן די ליכט לכבוד שבת; עס איז א מנהג אז דער מאן גרייט אן די שבת ליכט, ער ברענט אפ די ליכט אז עס זאל זיין גרינג פאר די ווייב צו צינדן די שבת ליכט. עס ווערט געברענגט פון צדיקים אז דאס איז א גרויסע תיקון צו פארעכטן וואס מען האט פוגם געווען במידת יסוד.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן נד): ״עַל יְדֵי נֵר חֲנוּכָּה וְנֵר שַׁבָּת, הֲוֵי לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים״, דורך שבת ליכט און חנוכה ליכט איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים; דערפאר זאלסטו זען צו זיין אין שטוב ווען דיין ווייב צינדט די שבת ליכט, ווען זי בעט זיך אויס ביי די ליכט אויף גוטע קינדער וכו׳. פאר גוטע קינדער דארף מען אסאך מתפלל זיין, גוטע קינדער נעמט מען נישט אראפ פון בוים, גוטע קינדער באקומט מען דורך אסאך תפילה און אסאך וויינען.

זע צו זיין פרייליך שבת, אזוי אויך זאלסטו פרייליך מאכן דיין גאנצע שטוב - דיין ווייב און קינדער; דער הייליגער אריז״ל זאגט: די ראשי תיבות פון וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת איז ׳ביאה׳, וואס קומט אונז ווייזן אז שבת דארף מען זען צו זיין צוזאמען וכו׳; דערפאר פארלייגט זיך דער יצר הרע עס זאל זיין קריגערייען אין שטוב צווישן מאן און ווייב שבת, כדי מען זאל בלאזן איינער אויפן צווייטן און נישט רעדן און נישט זיין צוזאמען. דערפאר זאלסטו זיך מחזק זיין מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך שבת.
~~~~~~~~~~~

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן ש'כח פאר די שיעורים, איך מיט מיינע חברים הערן אויס כמעט יעדן טאג, און מיר זענען זיך מחיה דערמיט.

מיר האבן ב"ה אנגעהויבן שיעורים כסדרן, און מעביר סדרה זיין יעדע וואך די חומש. אויך ליין איך די בריוון, און אסאך בריוון זענען ממש ווי געשריבן פאר מיר.

איך בין געגאנגען ארבעטן גלייך נאך די חתונה, און מיין בעל הבית האט מיר אנגעהויבן מיט 11 דאלער א שעה, און נאך א יאר איז ער ארויף צו 12 דאלער א שעה, אבער אפילו נאך צוויי יאר וויל ער נישט געבן מער, אויך האלט ער זיך נישט אפ פון שרייען אויף יעדע קליינע זאך, און די ארבעט איז מורא'דיג שווער צו דעליווערן באקסעס.

איך וויל זייער שטארק ארויסגיין אבער איך ציטער אז איך וועל נישט טרעפן קיין דשאב, און נישט קענען צאלן די רענט. אויך האב איך מורא אז מיין ווייב און מיין משפחה וועלן מיר אנקוקן ווי א שלימזל וואס טוישט יעדן טאג צו א נייע דשאב. איך פיל ממש ווי איך ווער דערשטיקט און איך קען מיך נישט א עצה געבן.

יישר כח, פנחס

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, י"ז מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד פנחס נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז דא א דיבור פון הייליגן ר' נתן זכרונו לברכה: "א פרנסה טאר מען נישט אוועק ווארפן, נאר די פרנסה זאל דיר אוועק ווארפן"; דאס מיינט מען נישט צו זאגן אז אויב מען האט א בעל הבית וואס שרייט און פארשעמט זיין ארבעטער אז מען איז מחויב צו ארבעטן ביי אים א גאנץ לעבן, א מענטש דארף זען צו ארבעטן אויף א פלאץ וואו דער בעל הבית פירט זיך אויף שיין צו אים, אויב דער בעל הבית שרייט און פארשעמט, איז זיכער כדי צו טוישן צו א צווייטע ארבעט.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין קידושין כב:): "פארוואס בארט מען די אויער פון אן עבד עברי, ווייל מען וויל אים זאגן מיט דעם, אֹזֶן שֶׁשָּׁמְעָה עַל הַר סִינַי (ויקרא כה, נה):

כִּי לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִים, וְהָלַךְ וְקָנָה אָדוֹן לְעַצְמוֹ, תֵּרָצַע", דער אויער וואס האט געהערט 'צו מיר זענען די אידן קנעכט, און נישט קנעכט פאר קנעכט', מיט דעם אלעם איז ער זיך געגאנגען פארדינגען פאר א קנעכט צום קנעכט - זאל מען בארן זיין אויער; א איד איז א עבד נאר פארן אייבערשטן, אודאי דארף מען ברענגען פרנסה, מען נעמט אן ארבעט וכו', אבער אויב יענער ניצט דיר פאר א קנעכט - דאס שוין נישט, איך בין אן עבד נאר פארן אייבערשטן.

א מענטש דארף וויסן אז זיין גאנצע פרנסה קומט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ב.): דריי שליסלעך ליגן אין די הענט פונעם אייבערשטן, די שליסל פון רעגן, די שליסל פון קינדער און די שליסל פון תחיית המתים, בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה, אין ארץ ישראל זאגט מען: אויך די שליסל פון פרנסה; זעט מען פון דא אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן.

ווען א מענטש זעט אז ער איז נישט מצליח, ער האט נישט קיין פרנסה, טאר מען זיך נישט אראפ קלאפן און ווערן צעבראכן טראכטנדיג: 'איך בין א שלימזל', 'איך טויג אויף גארנישט', ווייל פרנסה האט נישט צו טון מיטן מענטש, פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קיינער קען נישט צו נעמען פון א צווייטן אפילו איין פרוטה, נאר יעדע זאך קומט פונעם אייבערשטן.

די אלע וואס לעבן מיט מורא אז מען וועט זיי אראפ קוקן, זענען באמת אראפ געקוקט ביי זיך אליין; אויב א מענטש איז ביי זיך שטארק, ער ווייסט אז ער טוט גוט, ער לעבט מיט אמונה, ער גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער - אזא מענטש אינטערעסירט נישט וואס א צווייטער זאגט, עס גייט אים נישט אן וואס מענטשן זאגן אויף אים.

דיין פראבלעם איז אז דו ביסט נישט זיכער מיט זיך אליין, דערפאר טראכסטו 'אפשר וועט מיין ווייב מיך אראפ קוקן', 'אפשר וועט מיך מיין משפחה אראפקוקן', 'וואס וועט דער זאגן אויף מיר', 'וואס וועט יענער טראכטן אויף מיר' וכדומה; א מענטש דארף זיין ביי זיך אזוי שטארק מיט אמונה, אז עס זאל אים נישט אינטערעסירן וואס א צווייטער זאגט אויף אים און טראכט אויף אים.

מוהרא"ש פלעגט אסאך דערציילן די פאלגענדע מעשה, מען האט אמאל געהערט פסח ביינאכט ווי א פשוט'ער איד וויינט ביי די ווערטער: "תָּם מָה הוּא

אומֵר", "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" ער האט עס איבער געזאגט נאכאמאל און נאכאמאל, האט מען אים געפרעגט: "וואס איז דא צו וויינען ביי די ווערטער?" האט ער געזאגט: "איך פארשטיי נישט גארנישט, איך זע אין די הגדה אז דער חכם זאגט עפעס, דער רשע זאגט עפעס, וואס גייט מיר אן וואס דער חכם זאגט אויף מיר, וואס דער רשע האלט פון מיר, אבער "תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר"? ער ווייזט מיטן פינגער ארויף אויבן, וואס זאגט מען אויף מיר אויבן אין הימל, (אויף רוסיש זאגט מען 'דארט' - תָּם), דערפאר וויינט ער: 'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר?' וואס זאגט מען אויבן אויף מיר; דער האלט איז איך בין א בטלן, דער האלט איך בין א שלימזל, אבער רבונו של עולם וואס האלסטו פון מיר? רבונו של עולם ווייז מיר אביסל ליבשאפט, ווייז מיר אז דו האסט מיר ליב.

געלויבט דעם אייבערשטן אז דער יאר בין איך אריין ארײן אינעם צענטן יאר פון ווען איך האב געעפענט די ברסלב'ער ישיבה; מענטשן פרעגן מיר כסדר: "ווי אזוי האסטו געהאט די כוחות אנצוגיין איינער אליין, בשעת יעדער האט געלאכט פון דיר, מען האט געמאכט הפגנות אויף דיר און אויף דיין ווייב, מען האט געווארפן פאשקעווילן, עס זענען געווען מסירות וכו'"; זייער אסאך מענטשן פרעגן מיר דאס, אבער איך פארשטיי בכלל נישט וואס די קשיא איז, וואס איז די גרויסע וואונדער אנצוגיין ווען מען ליידט בזיונות אז מען פארשטייט וואס מען האט צו טון, וואו קומט בכלל אריין א צווייטער אינעם בילד? עס האט מיר בכלל נישט אינטערעסירט וואס מען זאגט אויף מיר - לטוב צי לרעה, ווייל א מענטש מיט אביסל שכל מאכט זיך א חשבון: 'וואס האב איך מיט יענעם?' 'ווער איז דער יענער?' 'דער יענער פארוועם איך שטעל מיך אהער קען מיר בכלל העלפן?' 'איך זאל טוישן מיין לעבן צוליב א צווייטן?'

ווען איך בין געווען א קינד בין איך אמאל געווען מיט מיין טאטע אין א פארם (טיער גארטן), געדענק איך ווי איך בין געשטאנען ביי די קוען און זיי געגעבן שטרוי, אזוי שטייענדיג דארט האב איך געפרעגט מיין טאטע: "וואס טראכט דער קוה ווען ער קוקט מיט זיינע קעלבערנע אויגן?" האט מיר מיין טאטע געזאגט: "טראכט נישט וואס א קוה טראכט, ווייל ער טראכט נישט"; דאס זעלבע זאג איך דיר, פארוואס דארפסטו זיך ארום דרייען טראכטן 'וואס וועט מיין משפחה טראכטן אויף מיר', קודם כל, ווער האט צייט צו טראכטן פון א צווייטן, יעדער איז פארנומען מיט זיין אייגענע חיים טובים, און אפילו יענער זאל יא טראכטן אז דו ביסט א בטלן, וואס האסטו מיט יענעם. בנוגע דיין ווייב, זי וועט דיר אנקוקן ווי אזוי דו וועסט זיך אהער שטעלן; ביסטו א בטלן - וועט זי דיר אנקוקן ווי א בטלן, ביסטו נישט קיין בטלן, נאר דו האסט

גענומען א צווייטע פרנסה ווייל דער בעל הבית איז א שלעכטער, ער שרייט אויף די ארבעטער - וואו קומט אריין דא בטלן? זי וועט זיך פרייען אז דו האסט א פרנסה וואו מען שרייט נישט אויף דיר, זי וועט דאנקען דעם אייבערשטן אז איר מאן האט א פרנסה וואו מען איז אים מחשיב.

עס איז שווער צו ענטפערן בפרטי פרטיות ווען איך קען דיר נישט פערזענליך וכו׳, אבער מחזק זיין א צווייטן - אפילו מען קען אים נישט - דאס קען מען יא; דערפאר וויל איך דיר מחזק זיין. אחי היקר, שטארק דיר, גיי אריין אין אמונה, חזר דיר די אמונה פשוטה, אז עס איז גארנישט פארהאנען אויף דער וועלט - נאר דער איין איינציגער באשעפער וואס ער איז אלעס, און אלעס איז ער; דער אייבערשטער איז אין דומם, צומח, חי, מדבר, אלעס איז נאר עצם עצמיות חיות אלוקתו יתברך. ווי מער א מענטש חזר׳ט אמונה, ווערט ער מער און מער אויף געבויט, מען ווערט זעלבסט שטענדיג און מען באקומט א זעלבסט זיכערקייט.

פארשטייט זיך אז פאר מען טוט א זאך דארף מען זיך דורך שמועסן מיטן אייבערשטן; אויב דו ווייסט נישט צי דו זאלסטו נעמען א צווייטע פרנסה אדער דו זאלסט בלייבן ביי דיין אלטע פלאץ, שמועס דיר אויס דיין הארץ מיטן אייבערשטן, ועסטו נאכדעם וויסן וואס דו האסט צו טון. מען קען דאס נישט מסביר זיין פאר איינער וואס האט נאך נישט טועם געווען דעם הייליגן רבינ׳ס עצות, וואס מען שפירט ווען מען איז זיך מתבודד, ווי אזוי מען באקומט צוריק תשובות פונעם אייבערשטן ווען מען רעדט מיט אים, ווי אלעס איז אזוי קלאר, מען ווייסט אז וואס מען טוט איז גוט, מען טראכט נישט צוריק, מען עסט זיך נישט אויף דאס הארץ מיט טראכטן ׳איך האב אזוי געדארפט טון׳, ׳איך האב אהער געדארפט טון׳, נאר מען איז זיכער מיט זיך ווייל מען האט יעדע זאך אויסגעשמועסט פארדעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

קודם וויל איך זיך באדאנקען פאר די שיינע נייע שיעורים פון גמרא און נ"ך וואס מען האט לעצטנס אנגעהויבן ארויפלייגן אויף "קול ברסלב". בשעת׳ן ארבעטן הער איך אויף מיינע עיר פאונס. אמאל פלעג
~~~~~~~~~~~

איך אויסהערן יעדע דרשה/שיעור, היינט איז שוין דא ב"ה אזוי סאך שיעורים אז איך קען נישט אניאגן אויסצוהערן אלע שיעורים.

איך האב געזען דעם בריוו פון יום א' פרשת לך ווי דער ראש ישיבה שרייבט אז ער גייט אריין אין חובות אלעס פאר אונז (תלמידים), און דער ראש ישיבה שרייבט אז ער איז אנטוישט אז מ'העלפט אים נישט ארויס.

די סיבה פארוואס ס'איז דא וואס געבן נישט קיין געלט פאר'ן נייעם בנין אין אומאן איז ווייל דער נייער בנין אין אומאן איז זייער ארויס פון געגנט, מ'שמועסט אז ס'איז מער פון 20 מינוט אוועק פון פעדער'ס, ס'איז צו ווייט (ווען ס'איז מערסטענס אוועק פון פעדער 5-10 מינוט וואלט מען מער געגעבן) און אסאך מענטשן ווילן זיין נעענטער צום ציון, מ'זאל קענען גיין צום ציון ווען מ'וויל.

דער ראש ישיבה האט זיכער א סיבה פארוואס מען האט גענומען די פלאץ אזוי ווייט, איך האב געוואלט דער ראש ישיבה זאל מיר ענטפערן פארוואס מען האט גענומען אזוי ווייט, און אזוי וועט מען בעזהשי"ת געבן מער.

א גרויסן ש'כח פאר אלעס ,ישעי'

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, י"ז מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

**ווען דער רבי האט זיך אריבער געצויגן קיין ברסלב, האט דער רבי געפרעגט איינעם צי עס איז דא א גוטע פלאץ פאר התבודדות, וואו מען קען זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיטן אייבערשטן, האט יענער געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז דא זייער א גוטע פלאץ ביים עק שטאט, א שיינער הייל, אבער עס איז זייער ווייט אהין צו גיין, האט דער רבי געזאגט: "ווייט? ווי ווייט איז פון מויל ביזן הארץ?" דער רבי האט געוואלט ארויס ברענגען אז מען קען שוין אנהויבן רעדן צום אייבערשטן פונעם ערשטן טריט וואס מען גייט אהין, און אזוי אויך צוריק, דערפאר האט דער רבי געפרעגט וואס איז שייך צו זאגן ווייט? ווי ווייט איז פונעם מויל ביזן הארץ.**

**געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר גייען שוין ענדיגן דעם בנין וואס מיר בויען אין אומאן, מיר וועלן האבן א שיינע ווינקעלע, ריינע ד' אמות, וואו מען פאלגט דעם רבי'ן בתמימות ובפשיטות, אן קיין דריידליך און אן קיין פשעטליך. דער רבי האט געהייסן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, פארן מיר קיין אומאן - אן קיין**

פשעטליך; דער זאגט דער רבי איז אין "הר ציון", דער זאגט דער רבי איז אין מירון - יעדער מיט זיינע דמיונות, אבער ברוך ה' מיר פאלגן דעם רבי'ן.

דער רבי האט געזאגט: "דעם ערשטן נאכט ראש השנה פיר איך אריבער אלע מיינע מענטשן"; דערפאר פארן מיר קיין אומאן, אבער ווען מען קומט קיין אומאן דארף מען געדענקען אז כדי צו זיין פון רבינ'ס מענטשן דארף מען פאלגן דעם רבי'ן, מען דארף לערנען דעם רבינ'ס ספרים.

וויסן זאלסטו אז צו זיין א ברסלב'ער חסיד, דארף מען לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק געפונט זיך אין זיינע ספרים; איינער וואס לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן, דער איז א ברסלב'ער חסיד, אבער אז מען לערנט נישט די ספרים פון רבי'ן האט מען נישט קיין שייכות מיטן רבי'ן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד", איינער וואס לערנט נישט תורה קען נישט זיין קיין חסיד; אזוי אויך איינער וואס לערנט נישט דעם רבינ'ס ספרים, ווי אזוי קען ער זיך פאררופן א ברסלב'ער חסיד.

געלויבט דעם אייבערשטן אז דער קיבוץ ביים רבי'ן ווערט גרעסער און גרעסער - כן ירבו; ווער עס קען גוט רעכענען זעט אז ביז אפאר יאר וועט זיך דאפלען און טריפלען די צאל מענטשן וואס קומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ווייל מיט קארגע צוואנציג יאר זענען געווען קוים צוויי טויזנט אידן, ברוך ה' עס האט זיך געדאפלט און געטריפלט, און ביז אפאר יאר וועלן זיין דארט הונדערטער טויזענטער מענטשן. מענטשן גייען אריבער זייער שווערע זמנים - יעדער איז צעבראכן, יעדער איז צעקלאפט, אלע לעכצן נאך א ביסל חיזוק, "און איך הייל זי" - האט דער רבי געזאגט; דער רבי האט חיזוק פאר יעדן איד אין יעדע מצב וואס ער זאל נאר אריבער גיין, דער רבי ברענגט אריין אזא שטארקע אמונה אין אונז, אז מען לעבט ווי אין אן אנדערע וועלט, מען איז פרייליך, מען האט כח אריבער צו טראגן אלע שוועריקייטן.

עס איז זייער שווער פאר מענטשן צו זיין סמוך ונראה צום ציון; ביינאכט קען מען נישט שלאפן ווילאנג די 'נאכט פויגלעך' זענען אויף, צופרי שטייען שוין אויף די ערליכע אידן און עס הייבן זיך אן מנינים סליחות פון גאר פרי בקולי קולות אז עס קומט אויס פאר א מענטש צו שלאפן בקושי צוויי שעה א נאכט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא כ:): "וְלֹא הָיְתָה קְרִיאַת הַגֶּבֶר מַגַּעַת עַד שֶׁהָיְתָה עֲזָרָה מְלֵאָה מִיִּשְׂרָאֵל", דאס קען מען זען אין אומאן ווי פארטאגס איז שוין די גאנצע גאס און די שילן פול

מיט מענטשן, עס הייבן זיך אן די מנינים מיט די שופרות, דערפאר זענען מיר ארויס געגאנגען אביסל ארויס פונעם גאנצן טאראראם.

ברוך השם אז מיר קומען נישט קיין אומאן זיך ארום צו דרייען אויף די גאסן, מיר קומען נישט צו פלוני און נישט צו אלמוני, מיר קומען קיין אומאן ווייל דער רבי האט געהייסן קומען קיין אומאן. אמת, עס איז טאקע נישט אזוי נאנט צום ציון, אבער מאך זיך א חשבון, די פאר טעג פאר ראש השנה און אויך מוצאי יום טוב נעמט מען א טעקסי, עס נעמט צוויי מינוט פון אונזער פלאץ ביז אונטען ווי די באסעס קומען אן, דארט ביסטו ממש ביים ציון. יום טוב אליינס, מאך זיך א חשבון וויפיל מאל גייט מען יום טוב צום ציון, אויב מען שטייט אויף ביים עלות קומט אויס צו גיין איין מאל א טאג צום ציון, ווייל אכט אזייגער שטעלט מען זיך שוין דאווענען ביז צוויי אזייגער, נאכדעם איז די סעודה, נאך די סעודה איז מנחה און א דרשה, און דער טאג איז אריבער.

איך גיי יעדע שבת פון מיין שטוב ביז ישיבה, א וועג פון פינף און צוואנציג מינוט; מענטשן פרעגן מיר, 'פארוואס ציסטו זיך נישט אריבער נעבן די ישיבה, דו גייסט אזא ווייטע וועג', אבער באמת בין איך זיך מחי', איך קען מיך אביסל אויסשמועסן מיטן אייבערשטן, דאס איז מיין בעסטע צייט אין טאג - ווען איך גיי צו ישיבה און אויפן וועג אהיים, דעמאלט קען איך זיך אביסל אויסשמועסן מיטן אייבערשטן.

דערפאר איז נישט אזוי געפערליך אז מיר האבן גענומען דעם פלאץ ארויס פון די גאנצע טאראראם, ווייל פאר יום טוב און נאך יום טוב קען מען גיין צום ציון מיט א קאר, און יום טוב קען מען כאפן א שטיקל שפאציר און זיך מתבודד זיין דעם גאנצן וועג ביז צום ציון - סיי אהין און סיי אויפן וועג צוריק.

דאס וואס דו שרייבסט אז מען געבט נישט קיין געלט וכו'; דער אייבערשטער וואס האט מיר געהאלפן ביז יעצט וועט מיר ווייטער אויך נישט פארלאזן און ער וועט מיר ווייטער העלפן. דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב געטרייע תלמידים וואס העלפן מיר מיט דאס גרעסטע מסירות נפש וואס איז שייך; געלויבט דעם אייבערשטן אז בזכות די תלמידים וואס העלפן מיר, האלטן מיר אויף א וועג מיטן בנין, איך האב געשריבן דעם בריוו פאר די וואס האבן נאך נישט געגעבן אז זיי זאלן זיך אנשטרענגען צו געבן און אין דעם זכות וועלן זיי האבן גרויס הצלחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור, 16 יאר אלט, איך הייס ..., איך וואוין אין ... און איך לערן דארט אין ישיבה. איך האב זיך אייביג זייער געמוטשעט מיט עניני קדושה, איך האב שוין ליידער זייער אסאך מאל מוציא געווען זרע לבטלה, עס באדערט מיר זייער שטארק אבער איך האב אייביג געוואוסט אז יעדעס מאל וואס איך האב מיר נישט געקענט שטארקן, האב איך די "תיקון הכללי" און איך קען מתקן זיין וואס איך האב געטון.

לעצטנס האב איך געהערט אז דער רבי האט געמאכט די "תיקון הכללי" נאר פאר מקרה לילה, נישט ווען מען ציט אליינס ארויס די זרע, איך האב געהערט די הארבקייט פון טון דאס וואס איך האב שוין געטון אזוי סאך, עס עסט מיר אויף דאס געזונט ווייל איך ווייס נישט ווי אזוי תשובה צו טון.

נארמאל ווייס איך אז מען קען פשוט בעטן דעם באשעפער "זיי מיר מוחל", אבער ביי די עבירה ווייס איך נישט אויב מען קען תשובה טון, ביטע זאגט מיר ווי אזוי איך קען תשובה טון.

איך האב נאך אזוי סאך זאכן וואס איך וויל זיך דורכשמיסן מיט אייך, אבער איך האב נישט קיין כח צו טייפן אזוי לאנג. ביטע זאגט מיר וואס איך קען טון אז דער באשעפער זאל מיר מוחל זיין.

א גרויסן ישר כח

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט״א:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת חיי שרה, י״ז מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד הבחור ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער זוהר הקדוש זאגט (ויחי ריט:): ״אויף יעדע עבירה העלפט תשובה, אבער ווען א מענטש איז פוגם בברית העלפט נישט קיין תשובה, און ער וועט נישט זוכה זיין צו זען דעם אייבערשטן״, ווייל ווען א מענטש איז מוציא זרע לבטלה איז ער א רוצח, עס איז ממש אזוי ווי א מענטש וואס הרג׳עט אויס זיינע אייגענע קינדער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדה יג:): ווער עס זינדיגט אין פגם הברית, ער איז מוציא זרע לבטלה רחמנא לצלן, איז חייב מיתה; רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים, רבי יצחק און רבי אמי זאגן, ווער עס זינדיגט אין פגם הברית ער איז
~~~~~~~~~~

מוציא זרע לבטלה, איז אזוי ווי איינער איז עובר אויף רציחה און שפיכת דמים. רַב אַסִּי אָמַר כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים, רב אסי זאגט, ווער עס זינדיגט אין פגם הברית ער איז מוציא זרע לבטלה, איז אזוי ווי ער דינט עבודה זרה רחמנא לצלן.

אבער זאלסט נישט ווערן צעבראכן, ווייל דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונזער דור און אראפ געשיקט דעם הייליגן רבינ׳ס נשמה אויף דער וועלט, וואס ער הייבט אויף אלע נשמות וואס זענען אראפ געפאלן אין די עבירה, מיט זיינע עצות ברענגט ער זיי אלע צוריק צום אייבערשטן.

דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן עא): ״קיינער פארשטייט נישט פשט אין דעם זוהר, נאר איך; איך זאג - זאגט דער רבי - אז עס העלפט יא תשובה, אפילו איינער וואס האט אסאך געזינדיגט מיט די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית״. דער רבי האט אונז געגעבן א תיקון פאר די עבירה - דעם ״תיקון הכללי״, זאג יעדן טאג דעם ״תיקון הכללי״: די צען קאפיטלעך תהילים וואס דער הייליגער רבי האט מתקן געווען (קאפיטל ט״ז, ל״ב, מ״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״ן), דער רבי האט געזאגט אז ווער עס זאגט די צען קאפיטלעך תהילים דארף גארנישט זארגן; נאך האט דער רבי געזאגט (שיחות הר״ן, סימן קמא) אז אסאך צדיקים האבן געוואלט משיג זיין דעם תיקון, אבער זיי האבן עס נישט געקענט משיג זיין; א טייל זענען אוועק פון דער וועלט פאר זיי האבן בכלל געקענט דערגיין דעם תיקון, און א טייל צדיקים האבן יא אנגעהויבן משיג צו זיין דעם תיקון, אבער זיי זענען נפטר געווארן אינמיטן, אבער מיר - זאגט דער רבי - האט דער אייבערשטער געהאלפן אז איך האב געקענט דערגיין דעם תיקון; דערפאר זאלסטו יעדן טאג זאגן דעם תיקון הכללי נאך תפילת שחרית, וועסטו זוכה זיין צו פאררעכטן אלעס וואס דו האסט פוגם געווען.

דער הייליגער רבי זכותו יגן עלינו מסאטמער האט געהייסן מען זאל אריין לייגן אין אנהייב פון די תהילים וואס ער האט געדרוקט (דער תהלים מיטן פירוש פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו) אלע מזמורים פון תיקון הכללי, און שרייבן דארט אז דאס איז א סגולה און א תיקון פאר פגם הברית, כדי אז אלע זאלן וויסן די עשרה מזמורים פונעם תיקון הכללי. ווייל אז מען זאגט די צען קאפיטלעך איז מען פארזיכערט אז מען האט מתקן געווען וואס מען האט פוגם געווען.

דער תיקון הכללי איז א תיקון פאר פגם הברית - סיי בשוגג סיי במזיד, סיי באונס סיי ברצון, סיי בדיבור סיי במעשה, סיי בהרהור סיי במחשבה סיי בראיה; דער רבי האט ברייטע פלייצעס, און ווער עס זאגט יעדן טאג דעם תיקון הכללי וועט זיכער

אלעס מתקן זיין. מען דארף האבן אמונת חכמים, גלייבן אין די ווערטער וואס די הייליגע צדיקים האבן אונז געזאגט, און אין אלע זייערע תיקונים.

דו שרייבסט מיר איך זאל דיר געבן אן עצה ווי אזוי מען קען זיין שטארק, וועל איך דיר שרייבן אפאר נקודות פון הייליגן רבינ׳ס ספרים:

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס רופט זיך ׳התבודדות׳, א מענטש זאל זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, אויף זיין מאמע לשון; מען זאל גיין אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און זיך אויסשמועסן דאס הארץ, אלעס וואס גייט אריבער ברוחניות ובגשמיות, ווי דער יצר הרע ווארפט דיר אלץ אראפ, און וויפיל מאל דו ווילסט זיין גוט פאלסטו נאכאמאל צוריק אריין.

דערפאר אחי היקר, טייערער ברודער, פאלג דעם רבי׳ן, זוך דיר אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און יעדן טאג זאלסט אהינגיין זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, און ווי ער ווארפט דיר אראפ אין די עבירה פון פגם הברית הוצאת זרע לבטלה, בעט דעם אייבערשטן:

״רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך האלט אין איין אראפפאלן אין פגם הברית, איך בין שוין אזוי צוגעוואוינט צו טון די עבירה אז עס איז מיר שוין זייער שווער זיך ארויס צו רייסן דערפון. הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל מיך קענען היטן מיינע אויגן, געב מיר ריינע אויגן, איך וויל נישט קוקן שמוציגע מאוויס, שמוציגע קליפס. וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין צוריק פאלן, איך שפיר אז איך ווער פארברענט, די תאות ניאוף פלאקערט אין מיר, הייליגע באשעפער ראטעווע מיר! איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד, אבער איך האלט אין איין צוריק פאלן, איך בין אזוי צעבראכן און צעקלאפט. רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, געב מיר כח, העלף מיר איך זאל גלייבן אין דיר, איך זאל שפירן אז דו האסט מיר ליב. דער יצר הרע רעדט מיר איין אז דו ביסט ברוגז אויף מיר, איך גיי ארום מיט נארישע געדאנקען, איך רעד מיר איין אז דו דארפסט מיר נישט, איך בין אזוי דערשראקן אז איך קען שוין נישט תשובה טון״.
אזוי זאלסטו רעדן צום אייבערשטן, זאלסט אים אלעס פארציילן און גארנישט באהאלטן פון אים, וועסטו סוף כל סוף ארויס גיין פון דיין פלאנטער וואו דו ליגסט.

וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש זינדיגט אין די עבירה פון פגם הברית, ער איז מוציא זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווערט ביי אים אויסגעלאשן זיין אמונה, ער הייבט אן האבן ספיקות מיט בלבולים, מען גייט ארום זייער דעפרעסט, מען שפירט ביי זיך אז קיינער דארף אים שוין נישט. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לא): ברית מיט אמונה גייט צוזאמען, אזוי ווי עס שטייט (תהלים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; ווען א מענטש איז זוכה, ער היט זיך אפ פון פגם הברית; ער היט זיינע אויגן, ער היט זיינע מחשבות, דעמאלט האט מען א שטארקע אמונה, אבער ווען מען קוקט וואו מען טאר נישט, מען נישטערט אין שמוץ, מען קוקט עקלדיגע שמוציגע מאוויס רחמנא לצלן, ווערט די אמונה אויסגעלאשן און מען ווערט א דעפרעסטער מענטש. דערפאר זאלסטו פון יעצט זיין שטארק מיט אמונה, גלייבן אינעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר, דער אייבערשטער הערט אויס יעדע ווארט וואס דו רעדסט צו אים, און ער האט דיר ליב.

זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש - שנים מקרא ואחד תרגום, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער ביז סוף וואך, דאס איז א תיקון פאר פגם הברית, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן יט) אז שנים מקרא ואחד תרגום איז א תיקון הברית; אויב זעסטו אז דו האסט נאך אפאר מינוט לייג אויך צו רש"י.

זע צו זאגן יעדן טאג משניות, ווייל משניות רייניגט דעם מענטש. "מִשְׁנָה" איז די אותיות "מְשַׁנֶה"; ווי מער א מענטש זאגט משניות איז ער זיך מְשַׁנֶה אינגאנצן, און ער ווערט ריין. משניות שלעפט ארויס דעם מענטש פון די טיפסטע בלאטע, אזוי ווי מען זעט אז מִשְׁנָה איז די ראשי תיבות (תהילים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אז מען זאגט משניות נעמט עס ארויס דעם מענטש פון די טיפסטע שמוציגסטע פלעצער וואו דער מענטש איז רחמנא לצלן אריינגעפאלן.

אויב דו קענסט זאגן אכצן פרקים משניות איז דאס א מורא'דיגע זאך, ח"י פרקים משניות יעדן טאג מאכט אז דער מענטש זאל ווערן לויטער, עס געבט צוריק דעם מח פארן מענטש, ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין דער עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווערט אים אויסגעריסן זיין מח מחשבה, ווייל די זרע קומט פונעם מח, און אז מען זינדיגט ווערט דער מח אויסגעטריקנט וכו', און ווען מען זאגט אסאך פרקים משניות באקומט מען צוריק א קלארע מח.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד הראש ישיבה שליט"א,

איך האב לעצטנס שטארק זיך אריינגעלייגט נאנט צו ווערן צום רבי'ן דורך דער ראש ישיבה שליט"א לאורך ימים בעבודתו הגדולה מאד וקדוש.

וויל איך פרעגן איבער דעם וואס איר זאגט וועגן תיקון חצות, פאר איינעם וואס האלט קוים ביים זאגן משניות, נאר ווען איך קען פרוביר איך צו מאכן אביסל צייט; איז וואס איז וועגן תיקון חצות, וואס מוהרא"ש שרייבט אזוי סאך פון דעם, זאל איך עס טון?

איך האף זייער צו באקומען א תשובה אויף דעם פונ'ם ראש ישיבה שליט"א.

משה

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט״א:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, י״ח מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווי לאנג מיינסטו נעמט צו זאגן ״תיקון חצות״; אפילו מען זאל עס זאגן מיט אלע פינף קינות, נעמט עס נישט מער ווי א האלבע שעה. אויב האט מען נישט קיין צייט, זאגט מען נאר די צען קאפיטלעך תהלים פון תיקון רחל און תיקון לאה, דאס נעמט אינגאנצן זעקס מינוט, דאס קען יעדער איינער טון.

מענטשן האלטן זיך צוריק פון זאגן ״תיקון חצות״, ווייל מען מיינט אז דאס איז נאר געמאכט פאר גרויסע צדיקים; די מעשה ביכלעך לייגן אראפ ״תיקון חצות״ כאילו דאס איז א שרעקעדיגע זאך, ׳מען צינדט אן א ליכט און מען זיצט אויף דער ערד מיט א זאק וכו׳׳, ווען קינדער הערן ווי מען לייגט דאס אראפ אזוי דראמאטיש, ווערט דאס איינגעזעצט ביי זיי אין מח אז דאס מיינט נישט זיי, דאס איז נאר פאר צדיקים וואס זענען זייער גרויס וכו׳. אבער עס איז נישט אזוי, ״תיקון חצות״ דארף יעדער איינער זאגן, דאס איז אן הלכה אינעם ערשטן סימן אין שלחן ערוך (סימן א, סיעף ב) און אזוי טוען אלע ברסלב׳ער חסידים, מען זאגט יעדע נאכט תיקון חצות.
~~~~~~~~~~~

מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט אז מען זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן תיקון חצות פאר מען גייט שלאפן; אז מען מאכט זיך א חשבון זעט מען אז עס קומט אויס רוב מאל צו גיין שלאפן ביי חצות, דערפאר זאגט מוהרא״ש אז מען זאל דעמאלט זאגן דעם תיקון חצות, מען ליינט קריאת שמע און מען זאגט נאכדעם תיקון חצות.

תיקון רחל איז צוויי קאפיטלעך (קאפיטל קלז): על נהרות בבל און (קאפיטל עט): מזמור לאסף. דערנאך זאגט מען (איכה ה): זכור ה׳ מה היה לנו, נאכדעם זאגט מען תיקון לאה (קאפיטל כד): לדוד מזמור, (קאפיטל מב): כאיל תערג, (קאפיטל מג): שפטני, (קאפיטל כ): יענך ה׳, (קאפיטל סז): למנצח בנגינות, (קאפיטל קיא): אודה ה׳, (קאפיטל נא): בבוא עליו נתן הנביא, (קאפיטל קכו): שיר המעלות; שבת און יום טוב און ווען מען זאגט נישט קיין תחנון, זאגט מען נישט תיקון רחל, נאר די זעקס קאפיטלעך פון תיקון לאה.

פרעג איך דיר, ווי לאנג נעמט צו זאגן די פאר קאפיטלעך תהילים אויף דעם סדר וואס דער הייליגער אריז״ל האט מתקן געווען. וואויל איז דיר אז דו וועסט זאגן תיקון חצות יעדע נאכט, וועסטו זוכה זיין צו אלעס גוטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

א גוטן מיין טייערער ראש הישיבה שליט"א.

נאכאמאל וויל איך אייך באדאנקען פאר אייערע הערליכע שיעורים וואס געבט מיר לעבן מיט חיזוק און מאכט אז איך זאל קיינמאל זיך נישט מייאש זיין.

איך האב פונקט יעצט געליינט ווי איר שרייבט אז איר זענט אריין אין גרויסע חובות, וואס דאס טוט מיר זייער שטארק וויי, ווייל איר טוט דאך אויף פאר אזוי סאך מענטשן וואס איר קענט אפילו נישט (אזוי ווי איך), און איר דערמאנט נישט קיין ווארט קיינמאל אז דער וואס וויל קען ארויס העלפן מיט א קליינע נדבה.

ווייל ביי יעדער אנדערע פלאץ, איינע פון די ערשטע זאכן איז, "אפשר קענט איר געבן עפעס געלט פאר די מוסדות?", און דא וואס איך האב שוין אויסגעהערט אלע שיעורים, און איר דערמאנט נישט קיין ווארט וועגן געלט, מען קען מיינען אז דאס איז די רייכסטע ישיבה אויף דער וועלט.
~~~~~~~~~~~

איך בעט אייך אויב איר קענט ביטע מודיע זיין ווי קען מען רופן אויף איבער געבן נדבות פאר די מוסדות.

א גרויסן גרויסן ש'כח פאר אלעס, מיט קיין שום געלט אין דער וועלט קען איך נישט אויסדריקן מיין דאנקבארקייט פאר'ן ראש הישיבה.

א געזונטן ווינטער.

חיים

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חיי שרה, י"ט מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד חיים נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן; דער רבי האט עצות פאר אלע פראבלעמען, בעיקר איין עצה וואס העלפט אויף יעדע איינציגע פראבלעם - 'התבודדות', אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען אויסצורעדן זיין הארץ צום אייבערשטן און אים אלעס פארציילן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן, מיר האבן דאס פאריגע וואך געהאט אינעם דף גמרא (סנהדרין קי.) אז קרח האט געהאט דריי הונדערט אייזלען וואס האבן געטראגן בלויז די שליסלעך פון זיינע אוצרות, אזוי רייך איז קרח געווען; איך האב געהערט פון א ברסלב'ער חסיד זייער א שיינער פשט אויף דעם מאמר חז"ל, שליסלעך זענען אזוי ווי עצות, ווען מען האט א פארמאכטע פלאץ, מען איז אין מצב וואס מען ווייסט נישט וואס צו טון, איז אן עצה אזוי ווי א שליסל וואס מען קען זיך אריין באקומען אין יעדע סארט פארמאכטע פלאץ. קרח האט געהאט דריי הונדערט עצות, פאר יעדע פראבלעם האט ער געהאט אן אנדערע דמיון, אבער משה רבינו האט געהאט איין מייסטער שליסל - "תפילה"; מיט דעם שליסל קען מען ארויס גיין פון יעדע פארמאכטע צרה.

ווען א מענטש געוואוינט זיך צו, יעדע זאך וואס עס באדערט אים בעט ער דעם אייבערשטן, דארף ער נישט קיין דריי הונדערט אייזלען וכו', ער האט איין שליסל 'התבודדות', וואס דאס איז אזוי ווי א מייסטער שליסל, מען קען אריין גיין וואו מען וויל, און ארויס גיין פון יעדע פראבלעם וואס מען זאל נאר האבן.

דו שרייבסט מיר אז דו האסט געמיינט אז מיר זענען די רייכסטע קהילה וכו'; וויסן זאלסטו אז מיר זענען טאקע די רייכסטע קהלה. אין היכל הקודש לערנען אלע, נישט קיין חילוק יונג אדער אלט, יעדן איינציגן טאג, מקרא משנה גמרא. סיי קינדער, סיי בחורים, סיי אינגעלייט.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פרשיותיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", ווער עס איז מעביר סדרה יעדע וואך האט אריכות ימים; אין היכל הקודש איז יעדן טאג א טאג, מען האט אריכות ימים - אסאך טעג, מען זוכט נישט קיין תירוצים אויף נישט צו לערנען, "היינט איז ערב"; "מארגן איז מוצאי"; "איבערמארגן איז פארוואלקענט"; "אייער נעכטן איז א שמחה"; נאר מען לעבט מיטן טאג, יעדן טאג איז א טאג, יעדן טאג לערנט מען אביסל מקרא, שנים מקרא ואחד תרגום, יעדן טאג לערנט מען חומש רש"י, מען האט ממש אריכות ימים.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (שבת קכ.): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", ווער איז אן ארעמאן? איינער וואס לערנט נישט קיין מקרא, ער לערנט נישט קיין משניות, און נישט קיין גמרא; א מענטש דארף לעבן מיט תכלית, מען דארף געדענקען אז עס איז דא א מציאות וואס רופט זיך "גוסס", עס איז דא א מציאות ווי א "בית הקברות", דארט נעמט מען מיט נאר דאס ביסל תורה וואס מען האט זיך אנגעגרייט; תלמידי היכל הקודש זענען גרויסע עשירים, יעדער תלמיד האט שוין זוכה געווען צו מסיים זיין לכל הפחות איין מאל כל התורה כולה, חמשה חומשי תורה, נביאים וכתובים, ששה סדרי משנה, תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, ששה סדרי תוספתא, רמב"ם, טור, שולחן ערוך, מדרש רבה, מדרש תנחומא, זוהר הקדוש, ותיקונים, ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות וכו' וכו'; דאס איז אן אייביגע עשירות.

ר' נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "איך שרייב מיינע ספרים נאר פאר א מענטש וואס טראכט: 'איין טאג וועל איך זיין א גוסס און א נפטר, איך וועל ליגן אויף דער ערד מיט די פיס צום טיר', איינער וואס טראכט נישט אז איין טאג וועט ער שטארבן און ליגן אויף דער ערד מיט די פיס צום טיר - איז ביי מיר חשוב אזוי ווי א בהמה, וואס לעבט, עסט און שלאפט, און ווייסט נישט וואס דער סוף איז".

מוהרא״ש זכרונו לברכה איז אמאל געפארן צו א שמחה, אויפן וועג פארנדיג אהין, האט דער דרייווער אנגעצינדן פאר מוהרא״ש דעם ניגון: ״מיט וואס? מיט וואס? מיט וואס וועט מען קומען אויף יענע וועלט...״ (עס איז דא א ברסלב׳ע טעיפ וואס האט דערויף דעם ניגון), דער ניגון גייט ווייטער: ״נישט קיין חצות, נישט קיין תפילה בכח, נישט קיין תיקון הברית - מיט וואס וועסטו קומען אויף יענע וועלט...״ יענע וואך ביים שיעור ליל שישי האט מוהרא״ש געזינגען דעם ניגון און אויסגעפירט: ״מיט וואס? מיט וואס? מיט וואס וועט מען קומען אויף יענע וועלט; מיט מיינע פרקים משניות, מיט מיינע דפים גמרא, מיט מיינע דיבורים וואס איך רעד יעדן טאג צום אייבערשטן, מיט שחרית מנחה מעריב, מיט דעם וועל איך קומען אויף יענע וועלט״.

דערפאר, זע דו אויך אויס צו ניצן דיינע טעג און יארן, אז דו זאלסט נישט דארפן זינגען אויף דער עלטער דעם צעבראכענעם ניגון: ״מיט וואס וועל קומען אויף יענע וועלט״.

ליידער מוז איך דיר זאגן, אז אפילו אין ברסלב אליין רעדט מען אויך נישט פון תכלית, אז מען זאל יעדן טאג אריין כאפן מקרא משנה גמרא וכו׳, בשעת דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן כח): ״רָאוּי לְאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר וְיֵלֵךְ בָּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כּוּלָּם כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם״, א מענטש זאל לערנען אלע ספרים וואס עס זענען פארהאן, ער זאל זיין באקאנט איבעראל, ״כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת, וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת״, אזוי ווי מיר זעען, אז מענטשן געבן אויס אסאך געלט ארום צו פארן אויף די גאנצע וועלט, כדי זיי זאלן זיך קענען נאכדעם בארימען: ״איך בין געווען דא און דארט״, ״כְּמוֹ כֵּן, רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְינוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים״, אזוי אויך זאגט דער רבי, זאל א מענטש לערנען אלע ספרים, כל התורה כולה, כדי ער זאל זיך קענען בארימען אויבן אין הימל: ״איך בין געווען איבעראל״, ״וּלְעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה״, און אויבן אין הימל לערנט מען מיטן מענטש אלעס וואס ער האט זוכה געווען צו לערנען בזה העולם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד דער טייערער ראש ישיבה שליט"א,

מיין ווייב פילט אז איך לויף איר נאך צו שטארק, איך בין צו שטארק תלוי אין איר. וואס איז די עצה פאר דעם? זאל איך איר געבן ווייניגער ליבשאפט?

יעקב

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חיי שרה, י"ט מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד יעקב נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פרעגסט צי דו זאלסט אויפהערן געבן ליבשאפט; עס זעט אויס ווי קיינער האט דיר נישט מדריך געווען חתונה צו האבן, ווייל איינס פון די יסודות וואס א אינגערמאן דארף וויסן ווען ער האט חתונה איז, אז דורך נאכלויפן די ווייב וכו' געבט מען נישט קיין ליבשאפט, נאר דאס מיינט אז מען נעמט פאר זיך ליבשאפט וכו'.

אין די תורה שטייט אז ווען חוה האט געפאלגט דעם שלאנג און געגעסן פונעם עץ הדעת האט דער אייבערשטער איר געגעבן אן עונש (בראשית ג, טז): "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אז די פרוי וועט גליסטן נאך איר מאן, און דער מאן וועט געוועלטיגן אויף איר (עיין שם בפרש"י); מוהרא"ש זאגט, אז די צוויי זאכן גייען געקניפט און געבינדן, אויב עס איז "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ", ווען זי לויפט נאך איר מאן, דעמאלט איז "וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", איז דער מאן דער וואס געוועלטיגט וכו', אבער ווען עס איז פארקערט דער מאן לויפט נאך זיין ווייב וכו', עס איז "וְאֶל אִשָּׁה תְּשֻׁקָתְךָ", דעמאלט דרייט זיך אויס דער פסוק אויפן מאן עס ווערט " וְהִיא (מיט א יוד) יִמְשָׁל בָּךְ", זי הייבט אן געוועלטיגן אויפן מאן. ווי מער מען לויפט נאך די ווייב וכו' ווערט דער מאן זייער אראפ געקוקט אין אירע אויגן, נאכלויפן די ווייב איז נישט געבן ליבשאפט, נאר דאס איז נעמען ליבשאפט.

דער הייליגער קדושת לוי זאגט (סוף פרשת חיי שרה, דבור המתחיל ויביאה יצחק) אויפן פסוק (בראשית כד, סז): "וַיְבִאֶהָ יִצְחָק וְגוֹ', וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה וַיֶּאֱהָבֶהָ", וואס וויל די תורה זאגן
~~~~~~~~~~~

מיט דעם אז יצחק האט ליב געהאט רבקה. זאגט דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו, אז עס איז דא איינער וואס זאגט ער האט ליב זיין ווייב, אבער באמת האט ער זיך אליינס ליב, ער דארף איר נאר פאר זיינע געברויכן, זי זאל אים באדינען, זי זאל אים קאכן און באקן און זיין גרייט פאר אים וכו׳ - דער האט בכלל נישט ליב זיין ווייב, ער האט זיך ליב; נאכדעם איז דא איינער וואס האט טאקע ליב זיין ווייב, ער זוכט ווי אזוי ער קען איר פריליך מאכן, ער טראכט נישט פון זיך א גאנצן טאג, ער לויפט נישט נאך זיין ווייב טאג און נאכט, ער רעכנט זיך מיר אירע געפילן, ער העלפט איר אן קיין חשבונות - דער האט באמת ליב זיין ווייב. דאס זאגט די תורה ״וַיֶּאֱהָבֶהָ״, יצחק אבינו האט באמת ליב געהאט זיין ווייב; עס איז כדי דו זאלסט נאך קוקן דעם גאנצן שטיקל.

א ווייב קען מען נישט אפנארן; די וועלט זאגט אז דער איינציגסטער וואס איז א מבין אויפן מענטש איז די ווייב. די ווייב ווייסט פונקטליך איר סחורה וואס זי האט באקומען; ווען א פרוי זעט ווי איר מאן רעכנט זיך מיר איר, ער העלפט ארויס אין שטוב אן קיין חשבונות צו קענען שפעטער פארלאנגען עפעס פון איר, נאר ער העלפט איר ווייל ער האט א געפיל פאר איר, ער גיבט איר גוטע ווערטער, ער רעדט שיין צו איר, דאס הייסט געבן ליבשאפט, און אז מען לעבט אויף דעם אופן איז דער מאן זייער ארויף געקוקט אין אירע אויגן, זי וועט טון פאר אים אלעס אויף דער וועלט, זי וועט אייביג זיין גרייט פאר איר מאן וכו׳, אבער ווען די פרוי שפירט אז דער מאן לויפט איר נאך וכו׳ דעמאלט איז נישט גוט.

מיר מאכן יעדן טאג א ברכה ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה״; לכאורה, וואס איז פשט פון דעם ברכה - יישר כח אייבערשטער אז איך בין נישט קיין פרוי, די וועלט קען דאך נישט אנגיין אן פרויען, אויף וואס דאנקן מיר דעם אייבערשטן? (אגב, מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט, אז די ברכה וואס די פרויען מאכן ״שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ״, איז סאך א שענערע ברכה, ווייל זיי געבן זיך אינגאנצן איבער צום אייבערשטן), זאגט מוהרא״ש אז דער אייבערשטער האט באשאפן מאן און ווייב מיט דעם נאטור אז דער מאן זאל זיין דער משפיע - דער וואס געבט, און די פרוי איז די מקבל - זי נעמט, דאנקען מיר דעם אייבערשטן יעדן טאג אז מיר זענען נישט קיין מקבל, נאר מיר זענען די וואס געבן פאר יענעם. דערווייל שטעלט זיך ארויס אז זייער אסאך אינגעלייט זענען גאר די וואס זענען מקבל, אנשטאט זיי זאלן געבן ליבשאפט וכו׳ זיך רעכענען מיטן ווייב, זענען זיי דא נאר פאר זיך, מיטן אויסרייד אז מיר האבן ליב די ווייב.

דערפאר זאלסטו אויפהערן צו נעמען ליבשאפט, נאר אנשטאט הייב אן געבן ליבשאפט, ווערסטו נישט זיין אזוי מזולזל אין אירע אויגן.

וויסן זאלסטו אז אויב דו ווערסט לערנען אין שטוב, וועט דיין ווייב דיך זייער מחשיב זיין; א פרווי האט זייער ליב צו זען ווי איר מאן לערנט. ווען א אינגערמאן איז זיך קובע צו לערנען יעדן טאג דיקא אין שטוב די הייליגע תורה, וועט ער ווערן ארויפגעקוקט ביי זיין ווייב. אנשטאט ארויס צו לויפן יעדע נאכט פארברענגען מיט כלומר׳ישע חברים, מיטן אויסרייד ״איך גיי אין כולל״, ״איך גיי לערנען״; בלייב ענדערש אין שטוב לערנען. בשעת דו ווערסט לערנען וועט דיין ווייב ענדיגן מיט די שטוב ארבעט, זי וועט הערן דעם זיסן גמרא ניגון, דורכדעם וועט זיך אלעס טוישן לטובה.

איך שרייב דיר נאר עצות וואס איך האב געהערט פון מוהרא״ש זכרונו לברכה; די עצות זענען נישט בדרך אפשר - אפשר וועט עס יא העלפן און אפשר נישט, דאס זענען זיכערע עצות; עצות פון צדיקים איז דער וועג ווי אזוי מען קען האבן א חיים טובים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ז): ״הָעֵצוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הֵם כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת״; מיט די עצות וואלט יעדער מענטש געקענט האבן א חיים טובים.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות א, ה): ״כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ, וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תּוֹרָה, וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם״; ווען א מענטש לויפט נאך זיין ווייב וכו׳, ברענגט ער אויף זיך אליינס שלעכטס, און ער באקומט גיהנום אויף דער וועלט. מה שאין כן ווען א מענטש נעמט דעם הייליגן רבינ׳ס דרך הלימוד, אזא מענטש לעבט שוין אויף דער וועלט אין ׳גן עדן׳, ער דארף נישט קיין כולל ערב, קיין כולל בוקר, ווייל וואו ער איז - דארט איז זיין כולל, ער זיצט אין שטוב פארטאגס און ביינאכט און לערנט זיינע שיעורים כסדרן - מקרא, משנה, גמרא, מדרש, הלכה וכו׳, זיין ווייב קוקט אים ארויף, אזוי אויך ער אליינס פאר זיך שפירט זיך גוט, ווייל תורה מאכט פרייליך א מענטש, ווען א מענטש לערנט תורה שפירט ער א טעם אין זיין לעבן.

איך קען נישט צופיל מאריך זיין אין דברים שבינו לבינה מפני הצניעות, איך האף אז דו פארשטייסט וואס איך שרייב דיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד דער חשובער ראש ישיבה שליט"א,

איך ארבעט אין קאנסטראקשאן, און איך פרוביר צו באקומען גרויסע דזשאבס. דעם חודש בין איך געווען אינוואלווד אין א דזשאב אין מאנסי, און אן אנדערער קאנטראקטער האט מיר געזאגט אז דארט גייט עס אזוי אז ווער ס'גייט מער מסר'ן דעם צווייטן איז מער מצליח, רוב קאנטראקטערס זיצן ביי די טאון און מ'מסר'ט א גאנצן טאג רעכטס און לינקס איינער דעם צווייטן. ס'האט מיר זייער אויפגערעגט, אבער ער זאגט מיר אז דאס איז דער וועג דא, אויב מ'וויל מצליח זיין.

בין איך מחויב אויפצוגעבן אויף גוטע דזשאבס, נישט צו דארפן מסר'ן?

א גרויסן יישר כח.

מאיר

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת פרשת חיי שרה, כ"א מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מאיר נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס איז דיין שאלה, צי דו זאלסט גיין מסר'ן א צווייטן איד? קוק וואס עס שטייט אין שלחן ערוך (חושן משפט, סימן שפח) וואס מען דארף טון מיט א מסור; קוק וואס דער רמב"ם שרייבט (פרק ג' מהלכות תשובה, הלכה יב): איינער וואס מסר'ט א איד, אפילו ער מאכט אים נאר געלט שאדן - "אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", עיין שם. דערפאר פארשטיי איך בכלל נישט דיין שאלה וואס דו פרעגסט.

וויסן זאלסטו אז פרנסה קומט פונעם אייבערשטן; קיינער קען דיר נישט צו נעמען וואס עס דארף קומען צו דיר. אזוי זאגן חכמינו זכרונם לברכה (יומא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ, וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ; אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא"; קיינער קען נישט צו נעמען פון א צווייטן אפילו א פרוטה; יעדע פרוטה וואס א מענטש פארדינט קומט פונעם אייבערשטן. נאך זאגן חז"ל (תענית ב.): "אָמַר ר' יוֹחָנָן: ג' מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", ר' יוחנן זאגט, דריי שליסלען זענען נאר אין די הענט פונעם אייבערשטן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", די שליסל פון רעגן,

קינדער און תחיית המתים, "בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אין ארץ ישראל זאגט מען: אויך די שליסל פון פרנסה. זעט מען אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן. אזוי אויך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (מכילתא, פרשת בשלח): "מִי שֶׁבָּרָא יוֹם - בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ", דער אייבערשטער וואס האט באשאפן דעם טאג, האט אנגעגרייט פרנסה פאר דעם טאג.

דאס וואס דו זאגסט, אז די קאנטראקטערס זאגן דיר אז נאר אזוי קען מען מצליח זיין; איך וואלט דיר געזאגט זאלסט זיך טרעפן בעסערע יועצים, בעסערע חברים, זוך דיר חברים וואס וועלן דיר זאגן אז נאר אויב מען רעדט צום אייבערשטן און מען לערנט יעדן טאג תורה קען מען מצליח זיין. איך ווייס פון קאנטראקטערס וואס זיי זענען מצליח נאר דורך תפילה; זיי שטייען אויף אינדערפרי, זיי ווייסן נאכנישט פון וואו צו נעמען פרנסה, זיי גייען דאווענען און גיסן זיך אויס זייער הארץ צום אייבערשטן ביי שמונה עשרה, זיי בעטן אויף זייער שפראך: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל קענען מפרנס זיין מיין ווייב און קינדער, געב מיר פרנסה", און עס צוקלינגט זיך זייער טעלעפאן, זיי באקומען גרויסע דזשאב'ס וכו'.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן פרנסה בריווח, בדרך התורה.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~